**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/6/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

# גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו פארברייטערן די דיסקרימינאציע באשיצונגען פון דער מענטשן רעכט געזעץ ארייננצורעכענען פּאָר-פּראָפיט בילדונגס אינסטאנצן

***לעגיסלאציע (S.7151/A.7390) פארברייטערט די באדייט פון "בילדונגס אינסטאנץ" אין דער מענטשן רעכט געזעץ צו באשיצן סטודענטן וואס שטודירן ביי פּאָר-פּראָפיט קאלעדזשעס, אוניווערסיטעטן, קאריערע שולעס און ענגליש-אלס-צווייטע שפראך שולעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.7151/A.7390) צו פארברייטערן די דיסקרימינאציע באשיצונגען פון די מענטשן רעכט געזעץ ארייננצורעכענען פּאָר-פּראָפיט קאלעדזשעס, אוניווערסיטעטן, קאריערע שולעס און ענגליש-אלס-צווייטע שפראך שולעס דורך דערפרישן דער באדייט פון א געדעקטע "בילדונגס אינסטאנץ".

"א יעדע סטודענט אין ניו יארק קומט זיך דער שאנס צו שטודירן אן צו דארפן טראגן דעם אומדערטרעגליכן עול פון רדיפות און דיסקרימינאציע אין דעם קלאס צימער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די לעגיסלאציע מאכט אויסדריקליך קלאר אז מיר האבן נישט קיין שום טאלעראנץ פאר דיסקרימינאציע אדער רדיפות אין ווי מער סקולס און בילדונגס אינסטאנצן מעגליך לענגאויס ניו יארק."

פאר צענדליגע יארן האט דער דיוויזיע פון מענטשן רעכט אנגענומען, אויסגעפארשט און פארמיטלט דיסקרימינאציע קלאגעס פון סטודענטן פון סיי פובליק און סיי פריוואטע צווייטע-שטאפל שולעס און אוניווערסיטעטן. די באשיצונג האט אבער נישט אריינגערעכנט סטודענטן וואס שטודירן ביי פּאָר-פּראָפיט קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אינ׳ם סטעיט, ביז היינט.

דורך דערקלערן אז די באדינגונגען פון דעם מענטשן רעכט געזעץ זענען אנווענדליך צו פּאָר-פּראָפיט קאלעדזשעס, אוניווערסיטעטן, קאריערע שולעס און ענגליש אלס צווייטע שפראך שולעס, ווי אויך פובליק און פריוואטע נאָנפּראָפיט אינסטאנצן, ניו יארק סטעיט וועט פארזיכערן אז אלע סטודענטן ווערן אנגעבאטן לעגאלע באשיצונגען קעגן דיסקרימינאציע.

**סטעיט סענאטארקע טאבי ען סטאוויסקי האט געזאגט,** "דיסקרימינאציע און רדיפות האבן נישט קיין שום ארט אין אונזערע סקולס. דער פשוט-שכל׳דיגע לעגיסלאציע ענדערט די איצטיגע געזעץ צו העלפן באשיצן אלע ניו יארק׳ס סטודענטן ביי פובליק און פריוואטע אינסטאנצן. פאר אונזערע סטודענטן קומט זיך א זיכערע סביבה צו שטודירן, און די רואיגקייט צו וויסן אז זיי זענען באשיצט פון אומטאלעראנץ און בייזוויליגע אויפפירעכטס."

**אסעמבלי-מיטגליד דזשעימי וויליאמס האט געזאגט,** "אלע ניו יארקער זאלן קענען גיין אין סיי וועלכע סקול אן מורא פון דיסקרימינאציע און רדיפות, און אויף ווי ווייט סטודענטן ווערן גע׳רודף׳ט אדער

געטשעפעט אין סקול, דארפן זיי קענען האבן ערהוילונגס-מיטלען אונטער די ניו יארק סטעיט מענטשן רעכט געזעץ."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418